# ואס צו וואס אין אמעריקאנער פאליטיק

כאַר־סמאַטישע פּערזענליכקייט פון זיין פאַרגייער, און ס׳איז נישט קיין סוד אז ער האט זעהר אסאך געגנער אין זיין אייגענעם קרייז. מענטשן פון לפני ולפנים אין סאטמאר גיבן איבער אז אפילו די עומדים בראש פון דער קהילה און פון די מוסדות זיינען גאנץ קנאפּע חסידים פון דעם איצטיגן (אויף מער איינצלהייטן ביטע אינטרעסירט אייך וואס איז געשעהן אין מתראו, שבת פרשת אמור ערב ל״ג בעומר), און די אלע שירות ותשבחות פאר אים וואס ווערן געדרוקט אין ״אראבער״ וואס פארשטעלט זיך אונטער׳ן נאמען ״איד״, זיינען נאר לפנים־וועגן, לסמא את העינים ולשבר את האוזן.

און מיט וואס שפייזט דער היינטיגער סאטמארער די צאן קדשים ?... קיין חידושי תורה אויף ש״ס שרייבט ער נישט. קיין שאלות ותשובות דרוקט ער נישט. אלץ וואס ער זאגט איז נאר געצילט אויפצופלאמען די שנאה צו אנדערע אידן, צו ארץ ישראל, ווי ער וואלט אויסן געווען צו איבערצייגן דעם עולם אז ער געהט אין די פוס־טריט פון פריער׳דיגען רבי׳ן.

דאס איז אבער נישט גענוג אויף איינצוהאלטן אנ׳עדה אידן, באזונדערס די היי־געבוירענע וואס האבן זיך נישט אויפגעהאדעוועט אויפ׳ן שויס פון מחלוקת׳ן און חרמות און איסורים אויף יענער זייט ים. זיי זיינען מער מוכשר אויפצונעמען עפעס ערנסטעס. זיי זוכן א ווארט פון תוכן, א געדאנק פון כלל ישראל׳דיגן כאראקטער.

די עטל׳כע צענדליגע בחורים און יונגעלייט וואס זיינען אריינגעצויגן געווארן אין תורת חב״ד, האבן געפונען אז תורת החסידות לעבט און איז נצחית, דאס וואס סאטמאר האט זיי נישט געגעבן.

די סאטמארער וואלטן געדאַרפט דאנקען ג-ט פאר די ״דעזערטירן״ וואס זיינען אוועק צו ליובאוויטש.

ווען זיי וועלן זיך בעסער ארומקוקן וועלן זיי אויסגעפינען אז זיי האבן גענוג דעזערטירן וואס זיינען אוועק אין די הרי חושך רחמנא ליצלן, און עס דערוואַרט זיי נאכמער דעזערטירן פון דעם סארט, אויב זיי וועלן נישט ענדערן זייער גאנצן ביז־איצטיגן מהלך וואס איז אינגאנצן קאנצענטרירט אויף שנאה און טעראר.

כי לא על השנאה לבדה יחיה האדם.